

New York State | Workers' Compensation Board

# קעמפן פאר פארוואונדעטע ארבעטער

די אפיס פון די אדוואקאטן פאר פארוואונדעטע ארבעטער שטעלט (Office of the Advocate for Injured Workers) צו א אייגנארטיגע סערוויס צו העלפן ארבעטער וואס ווערן פארוואונדעט אדער קראנק ביי די ארבעט אין ניו יארק סטעיט. די אדוואקאט'ס שטאב שטעלט צו אנווייזונגען און אינפארמאציע פאר פארוואונדעטע ארבעטער זיי צו ערמעגליכן צו באשיצן זייערע רעכטן אין די ארבעטער'ס פארגיטיגונג סיסטעם.

די סיסטעם קען זיין קאמפליצירט, אבער עס איז דא הילף. רופט די אדוואקאט'ס אפיס אויף **877-632-4996** אדער אימעיל'ט **advinjwkr@wcb.ny.gov**. די אדוואקאט וועט אייך געבן קלארע ענטפערס וועגן:

- וויאזוי צו פיילן א קלעים
- וואס צו טוען אין א פאל פון טויט
- וועלכע פארמס ווערן גענוצט
- ווער איז געדעקט
- דיספיוטעד קלאגעס
- הירינג און אפיעל רעכטן
- פיילן אין צייט
- האלטן רעקארדס
- אייער ראלע אין אייער מעדיצינישע באהאנדלונג
- וועלכע מעדיצינישע בענעפיטן זענען דא צו באקומען
- וועלכע ארבעטע ריהאביליטאציע און סאושעל ארבעט סערוויסעס זענען דא צו באקומען

די אמבודסמאן אין די אפיס פון די אדוואקאט פארשט אויס קלאגעס פון פארוואונדעטע ארבעטער אויף פראבלעמען וואס זיי גייען אריבער אין די ארבעטער'ס פארגיטיגונג סיסטעם און וועט פרובירן זיי צו שליכטן.

## אויב איר ווערט פארוואונדעט אדער קראנק ביי די ארבעט

**ווען עס פאסירט אן אינצידענט ביי די ארבעטספלאץ:**

- **פרובירט צו באקומען מעדיצינישע באהאנדלונג די שנעלסטע מעגליך.**
- **באריכט די וואונדן צו אייער ארבעטסגעבער שריפטליך ביז __30 טעג__ נאך די דאטום פון די אינצידענט.**
- **פייל'ט א קלאגע מיט די ניו יארק סטעיט ארבעטער'ס פארגיטיגונג באורד (Workers' Compensation Board, WCB) ביז __צוויי יאר__ פון די דאטום וואס איר זענט געווארן פארוואונדעט. פונדעסטוועגן, איז בעסער עס צו פיילן די שנעלסטע מעגליך.**

אויב איר זענט דיאגנאזירט מיט א **ארבעט-פארבינדענע קרענק** אדער **אקיופעישענאל קרענק**, זאלט איר פרובירן צו באקומען די נויטיגע מעדיצינישע באהאנדלונג די שנעלסטע מעגליך.

ארבעטער'ס פארגיטיגונג קלאגעס פאר אן אקיופעישענאל קרענקט מוז ווערן גע'פייל'ט ביז __צוויי יאר__ פון ווען איר ווערט דיסעיבלד אדער __צוויי יאר__ פון ווען איר האט געוואוסט אדער אייער העלט קער פראוויידער האט אייך געזאגט אז די צושטאנד איז פארבינדן מיט די ארבעט.

ארבעטער'ס פארגיטיגונג שווינדלערייי איז א קלאס E פעלאני, מיט א שטראף פון ביז פינף יאר אין טורמע און/אדער א $5,000 געלט שטראף.

(877) 632-4996 wcb.ny.gov
advinjwkr@wcb.ny.gov
ארבעטער'ס פארגיטיגונג באורד | קעמפן פאר פארוואונדעטע ארבעטער
328 State Street, Schenectady, NY 12305

## מעדיצינישע באהאנדלונג

אלע באשטעטיגטע מעדעצינישע קעיר פאר אייער באשטעטיגטע וואונדן אדער קרענק ווערט באצאלט דורך אייער ארבעטסגעבער'ס אינשורענס. די באהאנדלונג ווערט געדעקט נישט קיין חילוק אויב איר פארלירט צייט פון ארבעט אדער נישט. מעדעצינישע באהאנדלונג איז אויך א לעבנסלענגליכע בענעפיט, דעריבער ווען אייער קלאגע אייביג בלייבן אפן פאר צוקונפטדיגע מעדעצינישע באהאנדלונג.

העלט קעיר פראוויידערס מוזן זיין אויטאריזירט די באורד. איר קענט טרעפן אויטאריזירטע העלט קעיר פראוויידערס אויסגערעכנט אויף **wcb.ny.gov/find-a-provider** אדער דורך רופן די מעדיקל דירעקטאר'ס אפיס אויף **(800) 781-2362**. איר קענט באקומען קעיר פון אלע די פראוויידערס אדער פון אייער אייגענע דאקטאר אויב זיי זענען אויטאריזירט.

## פארלוירענע געהאלט בענעפיטן

ארבעטער'ס פארגיטיגונג פארלוירענע געהאלט בענעפיטן ווערן באצאלט באזירט אויף געהעריגע מעדיצינישע דאקומענטן פון א העלט קעיר פראוויידער וואס באהאנדלט. בענעפיטן ווערן באצאלט ביז צו צוויי-דריטל פון אייער דורכשניטליכע וועכנטליכע געהאלט, באזירט אויף אייער געהאלטן פאר די 52 וואכן בעפאר די אינצידענט האט פאסירט. באצאלונגען וועלן נישט זיין מער ווי די מאקסימום בענעפיט סומע ערלויבט לויט'ן געזעץ.

די מאקסימום בענעפיט סומע איז באזירט אויף די ניו יארק סטעיט דורכשניטליכע וועכנטליכע געהאלט (New York State Average Weekly Wage, NYSAWW), וואס ווערט צוגעפאסט יעדע יולי 1. **אייער פארלוירענע געהאלט בענעפיט סומע איז באזירט אויף די NYSAWW פאר די יאר וואס איר זענט געווארן פאראוואונדעט** – עס העכערט זיך נישט מיט די יערליכע NYSAWW העכערונגען.

אויב איר האט געארבעט ביי מער ווי איין דזשאב אין די צייט וואס איר זענט געווארן פאראוואונדעט אדער קראנק, קען עס ווערן באטראכט אלס "ארבעט אין די זעלבע צייט." אין אזא פאל, זאלן די געהאלטן פון ביידע דזשאבס ווערן באריכטעט צו די באורד. אויב עס איז "ארבעט אין די זעלבע צייט," ווערן די געהאלטן צאמגעשטעלט צו באשטימען אייער דורכשניטליכע וועכנטליכע געהאלט.

## פיילן א קלאגע

<u>שנעלסטע</u>: באזוכט **wcb.ny.gov/file-claim** און פולט אויס די אנליין ***ארבעטער קלאגע (פארם C-3)***.

אויב איר ווילט קענט איר פיילן א פאפירענע ווערסיע פון ***פארם C-3***, ווועלכע איר קענט טרעפן אויף **wcb.ny.gov/forms**.

איר האט ביז צוויי יאר נאך וואס אן אינצידענט פאסירט צו פיילן ***פארם C-3***.

## פראגעס וועגן אייער קלאגע?
## רופט (877) 632-4996

ווען איר רופט וועט מען אייך פרעגן די פאלגנדע אינפארמאציע:

- אייער נאמען
- אייער WCB קעיס ID, אויב געפייליט
- טעלעפאן נומער (מיט ערעיע קאוד) וואו מען קען אייך דעררייכן
- קורצע שילדערונג פון די פראבלעם און סיי וועלכע אנטווארט וואס איר האט ערהאלטן

האט איר געוואוסט אז איר קענט ערשיינען צו ווירטועלע זיצונגען און אפלאוד'ן\זען קעיס דאקומענטן אנליין?

באזוכט **wcb.ny.gov/iwtoolkit** פאר מער אינפארמאציע.

די אפיס פון די אדוואקאט פאר פאראוואונדעטע ארבעטערס שטעלט צו פארשטעלונגען אויף ארבעטער'ס פארגיטיגונג פראבלעמען וואס זענען וויכטיג פאר ארבעטערס, ארבעטע יוניאנס, COSH גרופעס, ארבעטער'ס אדוואקאט גרופעס און ארבעטסגעבער.

צו באשטעלן א לערנונג סעסיע, אימעיל'ט **advinjwkr@wcb.ny.gov**.

שליסט זיך אן צו איינע פון אונזער צוקונפטדיגע לערנונג וועבינארס און באקומט ענטפערס צו אייער פראגעס! באזוכט **wcb.ny.gov/webinars** צו זיך רעגיסטרירן. איר קענט אויך זוכן פאר איינע פון אונזער רעקארדירטע וועבינארס פאר ארבעטער אויף **wcb.ny.gov/recorded-webinars**.

די ניו יארק סטעיט ארבעטער'ס פארגיטיגונג באורד באשיצט די רעכטן פון ארבעטער און ארבעטסגעבער דורך פארזיכערן די פאסיגע אויסטיילונג פון בענעפיטן און דורך מוטיגן דאס איינהאלטן די געזעץ.

צו אויסגעפינען מער וועגן די באורד, באזוכט **wcb.ny.gov**.
שרייבט זיך איין פאר באורד מעלדונגען אויף: **wcb.ny.gov/Notify**.

NEW YORK STATE | Workers' Compensation Board

פאלגט אונז נאך:



געדענקט: אייביג זיכערהייט! שארט קאסט קענען אייך ארייפירן צום עמערדזשענסי צימער.

WCB.NY.GOV